# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת בא | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק


## דברות קודש

מב"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע - לפני תלמידי כיתה ח' ט' בשנת תשנ"ח פה קרית יואל

**למען תהי' תורת ה' בפיך:** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דער לשון בפיך, די תורה דארף מען דאך האלטן אין קאפ, נישט אין מויל.

נאר די כונה קען זיין אז דורכדעם וואס מען היט זיך דאס מויל, און מען רעדט נישט קיין דברים בטלים ווען מען האט אנגעטון די תפילין אויפן קאפ, האט ער דורכדעם סייעתא דשמיא און פון הימל העלפט מען אים ארויס אז די תורה זאל זיך האלטן ביי אים אין קאפ. דאס איז שוין אויסער וואס דאס איז אן הלכה מפורשת אין שולחן ערוך אז ווען מען האט אנגעטון די תפילין אויפן קאפ טאר מען נישט מסיח דעת זיין פון די תפילין, אויסער דעם האט דאס נאך א געוואלדיגע סגולה אז מען זאל מצליח זיין דורכדעם צו געדענקען דאס לערנען.

דאס זאגט דער פסוק **למען תהי' תורת ה'** כדי די תורה זאל זיך האלטן ביי דיר, דאס ווענדט זיך אין **בפיך**, ווי אזוי דו געסט זיך אכטונג דאס מויל נישט צו רעדן מיט די תפילין, ווייל דורך דעם **בפיך** דאס וואס מען היט זיך דאס מויל, און מען גיט זיך אכטונג נישט צו רעדן מיט די תפילין וואקסט מען אויס א תלמיד חכם און מען קען דאס לערנען.

דעריבער איז זייער וויכטיג אז מען זאל זיך צוגעוואוינען נישט צו רעדן מיט די תפילין, אפילו אויב איינער איז שוין דורכגעפאלן, זאל ער דאס ווידער מקבל זיין אויף זיך מיט א שטארקע קבלה מהיום והלאה נישט צו רעדן פון ווען מען טוט אן די תפילין ביז ווען מען טוט דאס אויס, אין דעם זכות וועט דער אייבערשטער העלפן אז איר זאלט אויסוואקסן גרויסע תלמידי חכמים און אייערע עלטערן זאלן זעהן פון אייך אסאך אידיש נחת. אמן.

## דרש דרש

**החדש הזה לכם לקיים מה שנאמר בי מלכים ימלוכו:** דער הייליגער בני יששכר טייטשט דעם מדרש מיט דעם וואס דער **מהרי"ו בעל שם ז"ל** טייטשט וואס די מדרש ברענגט אויפן פסוק (תהלים קל"ט) אך חשך ישופני ולילה אור בעדני, אז יאשיהו המלך האט געזאגט **אך חשך ישופנו** טאמער וועט מיין מלוכה זיך אויפהערן, נאכדעם האט ער געזאגט **ולילה אור בעדני** אז דער וואס האט לעכטיג געמאכט פאר די אידן אין מצרים וועט מיר אויך לעכטיג מאכן, אבער איך זעה אז ביי מיין אייניקל (צדקיהו) וועט זיך אפהאקן די מלוכה.

לכאורה איז שווער דריי זאכן, 1) פארוואס האט ער געמיינט אז די מלוכה וועט זיך ביי אים אפהאקן ער איז דאך געווען ערליך, 2) פארוואס האט ער פונקט געזאגט ווער עס האט געמאכט לעכטיג פאר די אידן אין מצרים, 3) פון ווי האט ער געוואוסט אז ביי זיין אייניקל וועט זיך יא אויפהערן די מלוכה.

נאר עס שטייט אין מדרש אז מלכות בית דוד איז צוגעגליכן צו די 'לבנה' פונקט ווי די 'לבנה' פארמערט זיך די ערשטע '15 טעג' אזוי אויך איז ביי די אידן אויך די ערשטע 15

## מעשה רב

### דא וואוינט א איד!

דער רבי ר' משה לייב סאסוב'ער זי"ע (היארצייט ביום ד' שבט) איז אמאל געווען ביים הייליגן רבי'ן רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע.

געווען איז דאס די ערשטע מאל ווען ער איז געקומען צום רבי'ן רבי אלימלך זי"ע. דער ר"ר אלימלך האט אים מכבד געווען צו זאגן תורה, האט רבי משה לייב אנגעהויבן צו זאגן תורה האט ער זיך געשטעלט אויפן פסוק אין די וואכעדיגע סדרה "ואמרתם זבח פסח הוא לה' אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים", איז לכאורה שווער, ווייל ווי אזוי איז אפילו מעגליך צו זאגן אויף כביכול דעם באגריף פון "איבערהיפן" ווען ס'איז לית אתר פנוי מיני'? ווען דער אייבערשטער איז אויף די גאנצע וועלט?! אויך איז שווער עס וואלט דאך געדארפט שטיין פסח "מעל" בתי בני ישראל נישט "על" ווייל ווען מען היפט איבער שפרונגט מען דאך איבער העכער די הייזער, און נישט אויף די הייזער?

"נאר" - האט דער רבי משה לייב זי"ע מסביר געווען - "ווען דער רבונו של עולם איז געקומען קיין מצרים און ארומגעגאנגען העכער די מצרי'שע הייזער, וואס זענען געווען פול מיט טמא'נע עבודה זרות, זענען דערפון נתעורר געווארן גרויסע דינים ר"ל, ווען דער אייבערשטער איז אבער אנגעקומען העכער די אידישע הייזער, איז ער כביכול אנגעפולט געווארן מיט שמחה, און האט אנגעהויבן טאנצן פאר פרייד "דא וואוינט א איד!".

דאס זאגט דער פסוק "אשר פסח על בתי בני ישראל" כביכול הקב"ה האט געטאנצן "אויף" די הייזער פון די אידן וואס די הייזער זענען געווען הייליג און דאס האט מעורר געווען רחמים.

ווען דער רבי משה לייב זי"ע האט געענדיגט די הייליגע ווערטער, איז ער פון גרויס התלהבות ארויפגעשפרינגען אויפן הייליגן רבי'ן ר' אלימלך און ער האט אנגעהויבן צו טאנצן און זינגען "דא וואוינט א איד" "דא וואוינט א איד"!

דורות אויך געווארן גרעסער (אברהם, יצחק, יעקב, יהודה, פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בועז, עובד, ישי, דוד, שלמה) און פונקט ווי די לבנה ווערט קלענער 15 טעג איז די מלוכה אויך געווארן קלענער און קלענער 15 דורות (רחבעם, אבי', אסא, יהושפט, יהורם, אחזיהו, יואש, אמציהו, עזיהו, יותם, אחז, חזקיהו, מנשה, אמון, יאשיהו, יהוקים, צדקיהו), אין די צייטן פון צדקיהו האט זיך די מלוכה אויפגעהערט.

עס איז אבער שווער עס איז דאך דא זיבעצן דורות ביז צדקיהו, ענטפערט מען אז די אידן זענען צוגעגליכן צו די לבנה וואס איז געווען אין די חודש וואס די יודן זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, אין יענע חודש איז געווען צוויי טעג מער ווייל עס שטייט אז די נאכט פון יציאת מצרים און אין די נאכט פון שביעי של פסח איז געווען לעכטיג, במילא האט גענומען זיבעצן טעג די לבנה זאל קלענער ווערן, און פון רחבעם ביז צדקיהו איז געווען זיבעצן מלכים.

ווען דעם האט יאשיהו געמיינט אז די מלוכה וועט זיך אויפהערן ביי אים ווייל ער איז געווען די פופצענטער מלך, אבער נאכדעם האט ער געזאגט אז דער וואס האט געמאכט לעכטיג פאר די יודן אין מצרים וועט אים אויך העלפן, אבער ביי זיין אייניקל וועט זיך עס אויפהערן ווייל עס וועט זיין זיבעצן דורות.

דאס זאגט שוין דער מדרש **החדש הזה לכם לקיים מה שנאמר בי מלכים ימלוכו**, ווייל דורך דעם חודש וועט זיך האלטן לענגער די מלכות.

*

**והיה הדם לכם לאות על הבתים:** ונראה לפרש הפסוק עפימ"ש **בשו"ת הרשב"א** שאל אותו כומר א' דכתיב בחגי גדול יהיה כבוד הבית האחרון מן הראשון, מדקרי לי' אחרון ונחרב וא"כ איה תקוותינו שיבנה ביהמ"ק עוד, והשיב אע"ג דכתיב אחרון, לאו אחרון ממש רק שהוא מאוחר מהקודם, והראי' דכתיב בפסוק והיה אם לא יאמינו לקול האות הראשון יאמינו לקול האות האחרון, והיה אם לא יאמינו גם לשני האותות האלה ולקחת ממימי היאור וכו' ונהפכת לדם ביבשת, אלמא דאחרון לאו אחרון ממש הוא.

וזה הרמז **והיה הדם** ר"ל האות הג' של דם **לאות על הבתים**, שיבנה ביהמ"ק בב"א, דמן הדם מוכח דאחרון לאו אחרון ממש. (אמרי נועם)

## מילי דרמיזא

**הרה"ק רבי שמשון אסטראפאלער** זי"ע זאגט אז די ווערטער: **בא אל פרעה** מיינט, דו זאלסט אריין לייגן די אותיות **בא** אין ווארט **פרעה**. ווייל די גמרא זאגט אז אלע אותיות וואס ווערן ארויס געזאגט פון זעלבן פלאץ אין מויל, קענען ווערן פארטוישט. די אותיות וואס מ'זאגט מיט די ליפן בומ"פ און די אותיות וואס מ'זאגט מיטן האלדז **אחה"ע**. ממילא אז מ'וויל אריין לייגן די אותיות **בא** אין פרעה, טוישט מען די **פ'** אויף א **ב'**, און די **ע'** אויף א **א'**, וועט פון ווארט **"פרעה"** ווערן **"ארבה"**.

דאס איז טייטשט **למען שיתי אותותי אלה**, מ'זאל אריינלייגן די צוויי אותיות **ב' א' בקרבו**, אין אים, אין פרעה, אזוי וועט דאס מאכן **ארבה**.

## מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שני

*

**לא שנא בזית בזית:**

מיר האבן געלערנט די וואך אין רש"י (ד"ה ה"ג הא מני רבי היא) **אז אויב די מחשבה חוץ** למקומו איז געווען פאר די מחשבה חוץ לזמנו, איז ער נישט חייב כרת, משא"כ אויב די מחשבה חוץ לזמנו, איז געווען פאר די מחשבה חוץ למקומו איז די קרבן פיגול און מען איז חייב כרת.

מיט דעם טייטשט דער **תפארת שלמה** (פ' ויצא) אז ווען א איד שטעלט זיך דאוועגען פארן באשעפער דארף ער וויסן ביי זיך אז אלע געברויכן פון די וועלט און די **הבלי הזמ"ן**, איז נישט דער עיקר פון זיין תפילה, אפילו ער איז געצווינגען דאס צו בעטן כדי צו קענען האבן פרנסה און צו זיין געזונט, אבער נישט דאס איז דער עיקר, נאר דער עיקר איז אז ס'זאל שוין זיין יתגדל ויתקדש שמי' רבה, אז מ'זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה און ביאת משיח צדקינו, און נאכדעם מעג ער שוין בעטן אויך אויף די אנדערע צרכי עולם הזה, כדי אז דורכדעם זאל ער קענען דינען דעם אייבערשטן.

דאס זאגט ר' יהודה אויב די **מחשבת המקום** - דאס הייסט די תפילות וואס מען בעט **לצורך המקו"ם**, פארן אייבערשטנס וועגן, אז ס'זאל שוין זיין יתגדל ויתקדש שמי' רבה - זענען פאר די **מחשבת הזמ"ן** פאר די עניני הבלי **הזמ"ן**, דעמאלטס איז זיין תפלה אנגענומען, משא"כ אויב די **מחשבת הזמ"ן** איז נאך פאר די **מחשבת המקו"ם**, ד.ה. אז ער מיינט זיך נאך פאר ער איז מתפלל פאר השי"ת דעמאלטס איז זיין תפלה פיגול לא ירצה.

## יגעת ומצאת!

די וואך שבת קודש פר' בא, ו' שבט, געפאלט אויס די יארצייט פון כ"ק מרן הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע ועל כל ישראל. ווען מיר די וואך לערנען אין די "יגעת ומצאת" עטליכע ידיעות איבער די הייליגע גזע למשפחת עצי התמרים זי"ע ועכי"א.

**דער עצי חיים זי"ע, נולד? נפטר? זיינע הייליגע עלטערן און זיידעס זי"ע? זייערע הייליגע ספרים? נפטרו בשנת? אב"ד בק"ק? זיין שווער זי"ע און זיידעס מצד חמיו? זיינע געשוויסטער? זיינע קינדער?**

## ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות כ')**....**

**כו"ע, כ"י, כנ"ל, כצ"ל, כנלענ"ד, כה"ג, כשמאה"כ, כתי"ק, כ"ק, כוח"ט, כמ"ש כאו"א**